# פרשת וארא

**בס"ד. משיחת וא"ו תשרי ה'תשמ"ה.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

צווישן די זכרונות איז אויך דא, וואס אין דער אנהויב פון דער ערשטער מלחמה, מ'האט דעמאלט געוווען אין רוסלאנד,

– בכלל איז מען געוווען פארנומען אין חדר, אבער דערנאך איז ניט געוואוסט וואס טוט זיך אין הויז, ניט געוווען ניט אזוי פארקאכט אין דעם, זיך ניט נאכגעפרעגט וכולהו, ס'איז אבער געוווען ענינים יוצאים מן הכלל וואס מ'האט געמוזט באמערקן –

איז דעמאלט, אין דער אנהויב פון דער ערשטער מלחמה, איז דעמאלט געוווען א גזירת המלכות אז די מדינות פון רוסלאנד וואס זיי געפינען זיך לעבן די גרעניץ מיט די מדינות אין וועלכע רוסלאנד איז דעמאלט אריין אין מלחמה, קאן מען ניט געטרויען די אידן, און דערפאר דארף מען זעהן אז זיי זאלן אוועקפארן אין די טיפעניש פון רוסלאנד, ווייטער פון די גבולים – וואס אויפן גרעניץ איז דאך געוווען פוילן און ליטא וכולהו.

איז אויך א גרויסע טייל איז געפארן אין די ערטער וואס איז געוווען א גרויסער אידישער ישוב, צווישן זיי אויך אין דער שטאט וואו מיר האבן געלעבט.

איז אנגעקומען א גרויסע מחנה, ווי מ'האט דאס דעמאלט גערופן "בעזשניצעס" ווי ס'רופט זיך איצטער "רעפיודזשיס",

און אזוי ווי ס'אנגעקומען מיט א מאל א גרעסערע כמות – און אויך באיכות: די ראשים ורבנים ומלמדים, שוחטים, מנהיגים און די ראשי קהילה וכולהו, איז געוווען א גרויסער צורך אין זעהן זיי איינארדענען בהקדם הכי אפשרי, ובתכלית השלימות ווי דאס קאן זיין.

וואס לפי ערך המספר פון די אידן פון דער שטאט איז דאס געוווען א עבודה גדולה, א משא כבד – דער מספר פון די גולים וואס זיינען אהינצו אנגעקומען.

האט מען גלייך געמאכט פארשידענע וועדים, כדי אויף מארגן זיין די עזרה בכל המצטרך להם, און דעמאלט איז געוווען בראש פון די וועדים איז אויך געוווען די מאמע – די וואס היינט איז דער יארצייט.

מ'האט דעמאלט געזען א דבר פלא: מ'האט אזוי קיין מאל ניט געזען דער ענין פון א התעסקות במרץ הכי גדול, און סיי ביום און סיי בלילה, עד כדי כך אז אפילו אז "עסקי" איז געוווען ניט אין הויז נאר אין חדר



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וארא

וכיוצא בזה, האט דאך דאס אויך אזוי פיל געוועז בולט אז ס׳איז נחקק געווארן לכל משך ימי החיים.

גלייך מיט דער שאלה האמורה, וואס נעמט מען דערפון ארויס בהנוגע למעשה בפועל?

ביז וואנענט אז מ׳כאפט זיך אז די הוראה איז גאר אן אויבנאויפיקע:

אז יעדערער פון אידן און יעדערער פון אונז בתוך כלל ישראל איז "גלינו מארצנו"[1]! מיר זיינען יעדערער פון אונז – אדער מ׳וועט אנרופן דאס "רעפיודזשיס" אדער א "בעזשניעס" – אבער בלשון הקודש איז דאס "גלינו מארצנו".

אט דאס וואס ס׳ווייזט זיך אויס אז ס׳איז ניטא קיין צרכים, דערפאר וואס מ׳לעבט אין א מדינה וואס זי איז א מדינת חסד און ס׳קאן דארטן זיין "משאו ומתנו באמונה"[2] מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף,

– ווייזט זיך אויס אז מ׳האט ניט קיין צרכים – אט דאס באווייזט אויף וויפיל מ׳איז דארשטיג און אויף וויפיל מ׳איז צמא עד-כדי-כך אז מ׳איז גאר ניט מרגיש דעם רעב וצמאון – דעם אמת׳ן רעב וצמאון– צו אידישקייט.

וואס אף-על-פי וואס בעזר השם איז דאך דא מוסדות און יעדער ביי זיך די ענינים פון שיעורי תורה והידור בקיום המצוות וכולהו – דאס קומט אבער ניט צו גילוי אלקות, דאס קומט ניט צו הבנה בתורה און הידור בקיום מצוותיה ווי זאל זיין "כמצות רצונך", ווי דער מיטעלער רבי איז מאריך ווי דאס איז געוועז בזמן שבית המקדש היה קיים.

מ׳האט זיך צוגעוואוינט צו חושך הגלות, ווייזט זיך אויס אז מ׳לערנט תורה ביגיעה שלו, און מ׳איז מקיים מצוות בהידור שלו, אט דאס איז דער תכלית השלימות צו וועלכע ער קאן דערגרייכן.

וויסן דארף ער אבער וויסן, וואס ער האט פארלארן רחמנא-ליצלן, ער האט פארלארן דעם גילוי אלקות וואס ס׳נגלה לעיני בשר בזמן שבית המקדש היה קיים. עד כדי כך אז מ׳האט דאס געזען בעיני בשר "עשרה ניסים נעשו לאבותינו בבית המקדש"[3] וואס דאס איז אויך כולל א טייל פון זיי וואס איז געוועז אין גאנץ ירושלים. וואס דאס האט מען געזען בעיני בשר.

און דערנאך בשעת ער זאגט "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח" זאגט ער דאס מיטן גאנצן שטורעם,

1) תפלת מוסף דיום-טוב.

2) יומא דף פו ע"א.

3) אבות פרק ה׳ משנה ה׳.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וארא

ווארום ער פילט דאס וואס איז געווען דעמאלט — אט דעמאלט שרייט ער אין דעם, כאטש דאס איז א תפילה בלחש, ניט נאר דערפאר וואס אזוי האבן קובע געווען די אנשי כנסת הגדולה אין תפילת שמונה עשרה, נאר ער פילט דעם צורך וואס ס׳פעלט אים.

און וואס פעלט אים? אז זאל זיין מהרה תצמיח!

ווארום אויב ס׳וועט קומען מיט א רגע פריער די גאולה האמיתית והשלימה, וועט זיין מיט א רגע פאר דעם דער "ונגלה כבוד הוי׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי׳ דיבר"[4].

—— • ——

4) ישעי׳ פרק מ׳, פסוק ה׳.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.